לאדזער יודישער מוזיק-פעראיין
# „שיר"

מיטוואך, דעם 28 יוני 1933, 9 אווענד קומט פאר
# א גרויסער קאנצערט
אין פראגראם:
ג. פ. הענדעל „יהודה המכבי"
לאדזער פילהארמאנישער ארקעסטער
אין סאליסטן: פרל. ס. קראפיווניק (סאפראן), פרל. ה. זשעבראווסקא (אלט).
אויבער-קאנטאר פון ווארשאווער טלאמאצקער סינאגאגע
# משה קוסעוויצקי
(טענאר)
ל. ריאזאנצעוו (באריטאן) זינגער פון בערלין
ארטאריום אין 3 טיילן — אויסגעפיהרט דורכ'ן „שיר"-כאר
קנאבען-כאר פון דער גרויסער סינאגאגע.
גלענצענדער ארכעסטריום.
דירעקציע: פראפ. י. פיילורישיס.
ביים קלאוויר: פרל. א. סוראוויטש.

פארק „העלענאוו"

בילעטן צום איינהייטליכען פרייז 1,09 זל. צו בעקומען אין רייזע-ביורא „וואגאן לי" פיעטריק. 64, צוקערניע פיעטריקאווער 12 (רוג פאלודניאווא) און ביי דער קאסע פון פארק „העלענאוו".


דעם חשוב'ן פריינד רעד. לאזאר פוקס
דריק איך אויס מיין טיפען מיטלייד צוליב'ן טויט פון זיין פאטער
# משה פוקס נ"ע
אין זיין אפפערוויליגער זשורנאליסטישער טעטיגקייט זאל ער געפינען זיין נחמה.
משה פיינקינד פיעטרקאוו.

מיין פערעהרטען פריינד
רעד. לאזאר פוקס און פאמיליע
צוליב'ן טויט פון זיין פאטער
# משה נ"ע
מיין איניגסטען מיטגעפיהל.
מ. דארגוזשאנסקי.

מיר בעטייליגען זיך אינ'ם טיפען צער פון אונזער פארזיצענדער
ח' לאזאר פוקס
צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין
# פאטער
די פערוואלטונג פון דער געזעלשאפט פריינד פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע „ייווא" אין לאדז.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס דעם רעד. לאזאר פוקס צוליב'ן טויט פון זיין פאטער
# משה נ"ע
זייט געטריסט!
שימעק גריגבערג.


קאפע
# „Atlantic"
48 פיעטריקאווער 48
טעל. 162-11
גיט ארויס טעגליך די געשמאקפולסטע
פריהשטיקען פאר 1.30 זל.
יארסקע מיטאגען פון 2 זל.
אווענדברויטען 1.30 זל.
בעמערקונג: אויף וואונש ווערען מיטאגען אפגעשיקט אהיים. אין מיין קאפע בעקומט מען די געזונטעסטע לאדעס פון דער כלאדניא וולאסקא. די קיך געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון געניטע קולינאר-פאכמענער.

עס ווערט געזוכט
# א דירה
פון 3 צימער און קוך
מיט אלע בעקוועמליכקייטן
1-טער שטאק
אדער א הויכען זוניגען פארטער
אפערטען מיט אנגאבע פון דירה-געלט אין ארמ. פון דער צייט אונטער „דירה" אדער קלינגען ביז 12 בייטאג טעל. 173-18.

וויכטיג פאר דער ארימער לאדזער בעפעלקערונג
דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז ס'איז ערעפענט געווארען דאס
# אמבולאטאריום
ביים פעראיין „מלבוש ערומים"
שעניעוויטשא 3/5,
וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע הילף אויפ'ן ארט. שיקט אויך ארויס דאקטוירים-ספעציאליסטען מיט וויזיטען אהיים
נעהמט אויך אן געבורטען און אלע ארט אנאליזען. מינימאלע אבצאהלונגען.
די פערוואלטונג.

# אויגען - קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
# Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

Dr.
# Wajnberg
ספעציאליסט פון לונגען- הארץ- און סקלעראזו-קראנקהייטען.
ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אווו.

Dr. med.
# Haltrecht
צוריקגעקעהרט
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון 8—11 פריה, פון 1—2 מיטאג און פון 5—9 אווענט. זונטאג פון 10—1 מיטאג
אלע ארט אנאליזען.
פאר ארבייטסלאזע לעמשניצע-פרייז.

# מאשין-מצות
געבאקטע יעדען טאג פרישע און דינע,
מצה-מעהל ווי אויך סוכארקעס
לויט קארלסבאדער סיסטעם, ווי אויך
פריהשטיקען,
יארסקע מיטאגען
און אווענדברויטען
עמפפעהלט די בעקאנטע צוקערניע
# N. Weinberg
פיעטריקאווער 38
טעל. 143-82
פערהעלטניסמעסיגע פרייזען

פאר
גאלד, ביזשוטעריע
און לאמבארד- זייגער
צאהלט די העכסטע פרייזען
# איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

# מאגענליידענדע
ראבארבער-וויין
אין פרימא-קוואליטעט
צו ביליגע פרייזען.
צו בעקומען אין וויינהאנדלונג פון
# E. SZYKIER
Północna 1, tel. 107-84.

Dr. L.
# Czarnożył
ארדינירט
אין זומער-סעזאן
— אין —
# CIECHOCINEK
Willa Kościuszko.


מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
דעם חשוב'ן
רעד. לאזאר פוקס
צוליב'ן טויט פון זיין פאטער
# משה נ"ע
די פעראייניגטע
ציישטונגס-פערקויפער.

דעם שווער געטראפענעם
רעד. לאזאר פוקס און פאמיליע
צוליב'ן טויט פון זייער פאטער
# משה פוקס ז"ל
דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
ל: מ. פאזנאנסקי
און פאמיליע.

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל
דעם ה' רעד. לאזאר פוקס
צוליב'ן טויט פון זיין
# פאטער
מ. אלטמאן
ה. בלומשטיין


# געלעגענהייטליך
איז צוליב אפרייזע פרייזווירדיג
# צו פערקויפען
א מאדערן-איינגעארדנעטע
לויט'ן נייעסטען סיסטעם
# לאמפען-פאבריק
צוזאמען מיט א גאלוואנישען אנשטאלט
צו בעזיכטיגען פון מאנטאג ביז דאנערשטאג אין די שעה' פון 11—1 און פון 4—6 נאכמ. וואלטשאנסקא 27, צווייטער הויף.


צו דער אפרייזע נאך טרוסקאוויעץ פון אונזער געעהרטען וויצע - פרעזעס פון קליינהענדלער - פעראיין, אגראדאווא 10 און פרנס פון דער יודישער קהלה
ה' משה בענדער
ווינשען מיר א הערציגען פאהרט געזונד, א גוטע ערהאלונג און א גליקליך צוריקקומען.
און נאמען פון אלע סוחרים פון דער האלע נאוואמיעסקא 19
די פערוואלטונג פון דער האלע.
3358

מזל-טוב אונזער ליבען קוזין
משה פערדער און פרוי
צו דער פערלאבונג פון אייער ליבען
זוהן ישראל פערדער
מיט פרל. רוזשע סרעבניק
מיר ווינשען אייך פיל גליק
יחיאל פריינד און פרוי


ס'ווערט געזוכט א טיכטיגער
# פערטרעטער
פאר הערן-וועש, געווינשען איינעם, וואס האט א גרויסע קונדשאפט אין לאדז, ווי אויך אויף פראווינץ. צו מעלדען זיך אין דער פירמע „ESKA" נאוואמיעסקא 5

די נייעסטע מאדעלען
פון
# דזמער=שיך
און פלעציאנקעס
אין אריכטן אויסוואהל עמפפעהלט
# A. Ogórek
11 ZAWADZKA 11.

# ראטעווען די עקאנאמישע קאנפערענץ

## קומט פרעזידענט רוזוועלט קיין לאנדאן

לאנדאן, 24 (ספ. טעל.)

דער פרעזידענט רוזוועלט זאל קומען קיין איירעפּע, ער וועט קומען מיט א שיף אין לאנדאנער פּארט, ער וועט אבער נישט אויסשטייגען פון דער שיף, כדי שטענדיג צו זיין אויף דער אמעריקאנער טעריטאריע, ווייל לויט דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע טאר דער פרעזידענט נישט פערלאזען די טעריטאריע פון די פעראייניגטע שטאטען אהן דער ערלויבניש פון קאנגרעס, רוזוועלטס קומען האט פאר א ציל צו ראטעווען די עקאנאמישע קאנפערענץ.

לאנדאן, 24 (ספ. טעל.)

די אמעריקאנער דעלעגאציע האט פערעפענטליכט א דעקלאראציע, אין וועלכער עס ווערט געזאגט, אז דער פארגעלייגטער פלאן צו סטאביליזירען די דעוויזען איז קיינמאל נישט געווען קיין ענין פאר אן אמעריקאנישער דעקלאראציע. דער ענין איז בעטראכט געווארען דורך פארשטעהער פון די בענק פון ענגלאנד און פראנקרייך. די אמעריקאנישע רעגירונג האלט, פאר נישט געוואונשען די צייטווייליגע סטאביליזאציע, ווייל די בעמיהונגען צו הויבען די פרייזען זענען פיל וויכטיגער ווי סטאביליזירען די וואלוטע. די אמעריקאנישע רעגירונג איז גרייט צו שטיצען די בעזונדערע מלוכות אין זייער וואלוטע-פאליטיק, ווייל זי ריכטעט זיך לויט'ן ווילען אויפצולעבען די ווירטשאפט און צו הויבען די פרייזען.

לאנדאן, 24 (ספ. טעל.)

די אמעריקאנישע דעקלאראציע וועגן אמעריקאנישען שטאנדפונקט אין דער סטאביליזציע-פראגע האט ארויסגערופען א גרויסע סענסאציע. מען האט שוין אפילו גערעדט וועגן דעם, או די קאנפערענץ שטארבט אפ.

## שוידערליכע ערמארדונג פון א יודישען דענטיסט

### בערלינער בעריכט פון „מאנטשעסטער גארדיאן“

לאנדאן (יט"א) „מאנטשעסטער גארדיאן“ פערעפענטליכט פון בערלין א גרויליגען בעריכט וועגען דער ערמארדונג פון יודישען דענטיסט אלפרעד מייער אין וואופערטאל-בארמען. דעם ערמארדעטענס קערפער האט מען געפונען אין א קלאזעט-גרוב. דער קאפ און דער גאנצער קערפער זענען געווען בעדעקט מיט קוילען און מעסער-וואונדען. עטליכע אברים זענען געווען אפגעשניטען. דער קערפער איז צוזאמען מיט א הויפען שטיינער אריינגעלעגט געווארען אין א זאק. דער קארעספאנדענט פון „מאנטשעסטער גארדיאן“ בעריכטעט, אז די פאליציי וייס, ווער עס זענען די מערדער, זי האט אבער געראטען דער משפחה זיי נישט צו זוכען.

אזעלכע טעראר-אקטען, שרייבט די צייטונג, קומען איצט פאר פונקט אזוי אפט ווי אין די ערשטע טעג פון היטלער-רעושים, מען האלט זיי אבער היינט פיל שטרענגער בסוד.

## הלואי וואלט דאס אמת געווען...

### ד"ר ראושינג וועט היטען די רעכט פון אלע בירגער

דאנציג, 24. (ספ. טעל.) אויף דער היינטיגער זיצונג פון לאנדטאג האט דער נייער היטלערישער פרעזידענט פון סענאט ד"ר ראושינג ערקלערט, אז ער וועט היטען די רעכט פון אלע בירגער און וויל פרידליך צוזאמענלעבען מיט פוילען

## אורטייל איז פראצעס געגען די אוקראינער טעראריסטען

לעמבערג, 24 (טעל.)

דא איז היינט פערעפענטליכט געווארען דער אורטייל איבער די אוקראינער טעראריסטען, וועלכע זענען בעשולדיגט געווארען אין אנפאל אויף דער פאסט אין גרודעק. סטאפאן מאשטשאק איז פערמשפט געווארען אויף 2 יאהר טורמע, מיכאל קוספיש אויף 5 יאהר, מאטיקא אויף 2 יאהר, קאסאק אויף 7 יאהר און בולאם אויף 2 יאהר, צאפ און פרל. קאוואלוק זענען פרייגעשפראכען געווארען.

## פערלענגערט דעם פערבאט צו טראגען געוועהר אין א"י

ירושלים, 24 (טעל. דורך יט"א)

די ארץ-ישראל-רעגירונג האט פערלענגערט דעם פערבאט צו האלטען געוועהר.

## 600 טויזענד דאלאר פאר דייטשע פליטים

ניו-יארק, 24 (טעל. דורך יט"א)

דער פעראייניגטער הילפס-קאמיטעט צו העלפען די דייטשע יודען האט ביז איצט געזאמעלט 600 טויזענד דאלאר.


# טעאטער „סקאלא“

15 שרודמיעסקא 15

לעצטע 2 טעג!

לעצטע 2 טעג!





צעהנדליגער טויזענדער פריינד, פערעהרער און סימפאטיקער קומען זיך געזעגענען מיט די גרויסע אמעריקאנער סטאר-קינסטלער

לוסי און מישא

# גערמאן

היינט, זונטאג, 12 בייטאג לעצטע פרימארגן-פארשטעלונג פאר ארבייטער-אינטעליגענץ פרייז פון 50 גר. ביז 1,50

און 9 אוונט צו געוועהנליכע פרייזען

אין דער געזעגנונגס-פרעמיערע דעם גרויסען וועלט-שלאגער

# „די אייביגע מאמע“

אין 3 אקטען, 4 בילדער פון קאלמאנאוויטש. — רעזשי: מ. גערמאן. — הויפט-ראלען: „פרידא“ — לוסי גערמאן, „נייט“ — מישא גערמאן.

עס נעהמען אנטייל אויך די בעקאנטע ארטיסטען שמואל לאנדוי און מרדכי הילסבערג מיט'ן גאנצען אנסאמבל. --::-- מיט'ן ארקעסטער פיהרט אן דוד בייגעלמאן

„די אייביגע מאמע“ שילדערט די ליידען און אפּפערונג פון א מוטער פאר איהרע קינדער.

„די אייביגע מאמע“ פערכאפּט די הערצער פון צושויער.

„די אייביגע מאמע“ ווייזט די ליבע און טרייהאפט פון א מוטער.

„די אייביגע מאמע“ אין דער גייסטער אויפפאסונג פון לוסי גערמאן רופט ארויס שטורמען פון בעגייסטערונג ביים פובליקום.

מארגן, מאנטאג, 9 אוונט פון 60 גר. ביז 2.20 לעצטע פאפולערע געזעגנונגס-פארשטעלונג

ס'ווערט געשפילט דער רעקארד פון ערפאלג

## „מאמע און שוויגער“

מיט לוסי און מישא גערמאן אין די טיטול ראלען

אלע זענען געריהרט פון פרעכטיגען הערציגען ליד, „די אייביגע מאמע“ וואס ווערט געזינגען מיט גרויס מייסטערשאפט דורך

## לוסי גערמאן

אט דאס איז דאס ליד:

אייביגע מאמע. ווער קען פיהלען דיין צער,<br>
אייביגע מאמע בלייבסט אייביג א נער,<br>
ביזט מקריב דיין לעבען, דיין גליק און דיין געזונד,<br>
מיט דיין הארץ און דיין שטרעבען דערציהסט דו דיין קינד,<br>
דו האפסט אויף דער עלטער, דו וועסט האבען נחת דערפאר,<br>
איין מאמע קאן אפילו פערזארגען קינדער צעהן,<br>
צעהן קינדער לאזען חלילה א מאמע בעטלען געהן<br>
אייביגע מאמע, בלייבסט אייביג א נער.

א. אז. וו. א. אז. וו.

בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע פון טעאטער „סקאלא“

